# די פען

19

שבט תשנ"ו　　חודשלעכער זשורנאַל פאַר ליטעראַטור　　פעברואַר 1996



די פּען 19

שבט תשנ"ו \ פעב. 1996

רעדאַקטאָר:
הירשע־דוד קאַץ

פּאַרוואַלטונגס־רעדאַקטאָר:
געננאַדי עסטרייך

רעדאַקציע:
מאיר באָגדאַנסקי
אליקום־געצל קלעפּפּיש
דוב־בער קערלער



קאָרעספּאָנדענץ:
The Yiddish Pen
Golden Cross Court
4 Cornmarket
Oxford OX1 3EX
England



אָפּצאָל:
£33 ($49) אַ יאָר
מיט לופט, אומעטום



טעלעפאָן:
(+) 44 1865 798989

פֿאַקס:
(+) 44 1865 798987

עלעקטראָניש:
yiddishstudies@
oxf-inst.demon.co.uk



געגרינדעט פון דער
משפחה טאַבאַטשניק
צום אָנדענק פון
יידישן שרייבער
און דערציער
מענדל טאַבאַטשניק
(1894 — 1975)

פאַרלאַג „דריי שוועסטער"



בלומע קאַץ (סווינציאַן):
**אונדזער יוגנט־חבר אברהם סוצקעווער** 1


## פּאָעזיע


יעקב צבי שאַרגעל (פּתח תקווה):
**כ׳האָב היינט געלייענט** 6

משה לעמסטער (קעשענעוו):
**אַראָפּ און אַרויף** 7

דוד וואָלפּע (יאָהאַנעסבורג):
**אַ בינטל רויטע רויזן** 10

שושנה באַלאַבאַן־וואָלקאָוויטש (ניו־יאָרק):
**ביטערפרייד** 12


## פּראָזע


לאה ראָבינסאָן (ניו־יאָרק):
**גענדזנוויין אין פיר כוסות** 13

שירה גאָרשמאַן (אשקלון):
**לאה די שניידערקע** 17

אברהם מאַיערקעוויטש (פּתח תקווה):
**אַ שוואַרצע קאַץ** 19


## מאַקס ווײַנרייך אין אַמעריקע: צוויי מעמואַרן


סאָל ליפּצין (ירושלים) 26

ז. ש. פּראַוועד (אָקספאָרד) 28


## נעקראָלאָג


חוה ראָזענפאַרב (מאָנטרעאָל):
**באָנאָ ווינער (1920—1995)** 32


## „וועגן זיך"


אלישבע כהן־צדק (רחובות):
**די תל־אביבער „נייע צייטונג"** 35


הילע:
דער יונגער פּאָעט אברהם סוצקעווער אין ווילנע (זע די זכרונות פון בלומע קאַץ, זז. 1—5).

The Yiddish Pen 19

monthly for literature and research

February 1996

Editor:
Dovid Katz

Managing Editor:
Gennady Estraikh

Editorial Board:
Majer Bogdanski
Elyakum G. Klepfish
Dov-Ber Kerler

Correspondence:

The Yiddish Pen
Golden Cross Court
4 Cornmarket
Oxford OX1 3EX
England

rates:

£33 ($49) a year
worldwide by air

Telephone:
(+) 44 1865 798989

Fax:
(+) 44 1865 798987

Email:
yiddishstudies@
oxf-inst.demon.co.uk

Published by the
Oxford Institute
for Yiddish Studies

Registered Charity No 1045738
IRS No 11—3273541

Founded by the
Tabatznik family in
memory of Yiddish
author and educator
Mendel Tabatznik
(1894 — 1975)

© Three Sisters Press

Bluma Katz (Švenčionys, Lithuania):
**Memories of Abraham Sutzkever in Vilna** 1

## Poetry

Yaakov Tzvi Shargel (Petach Tikva):
**I read today** 6

Moshe Lemster (Kishinev):
**Down and up** 7

David Wolpe (Johannesburg):
**A garland of red roses** 10

Shoshana B. Wolkowicz (New York):
**Bitterjoy** 12

## Prose

Elinor Robinson (New York):
**Goose wine in four cups** 13

Shira Gorshman (Ashkelon):
**Leah the seamstress** 17

Avrom Majerkiewicz (Petach Tikva):
**A black cat** 19

## Memories of Max Weinreich in America

I Sol Liptzin (Jerusalem) 26
II S. S. Prawer (Oxford) 28

## Obituary

Chava Rosenfarb (Montreal):
**Bono Wiener (1920—1995)** 32

## "On Ourselves"

Elisheva Kantsedik (Rehovot):
**"Naye tsaytung" — A Tel Aviv weekly** 35

Cover:
Abraham Sutzkever, now the world's leading Yiddish poet, at the start of his career as a youth in Vilna. This rare photo, which dates from the late 1920s, was discovered by Bluma Katz, who was a member of the circle of young Yiddishist intellectuals whom Sutzkever had joined. See her memoir on pp. 1—5.

# אונדזער יוגנט־חבר
# אברהם סוצקעווער

בלומע קאַץ

ווילנע, סוף צוואַנציקער — אָנהייב דרייסיקער יאָרן. ביי די יידישע שולן איז דאַן געווען אַ סקויט־אָרגאַניזאַציע „די בין", וועלכע עס האָבן געגרינדעט יונגע לערער פונעם ערשטן אַרויסלאָז פון דעם יידישן לערער סעמינאַר.

דער לערער גורלאַנד, איינער פון די אָנפירער פון דער „בין", האָט אונדז — שימקע יאַוויטש און מיך — איינגעלאַדן אויף אַ שמועס. שימקע און איך זיינען געווען סטודענטן פון דעם לערער סעמינאַר. געטראָפן האָבן מיר זיך מיט גורלאַנדן אין בערנאַרדינער גאָרטן — דעם צענטראַלן פּאַרק אין ווילנע. דוד גורלאַנד זאָגט צו אונדז: „איך האָב זיך באַגעגנט מיט אַ יונגן יאַט, ווייט ניט קיין געוויינלעכן. ער, אברהם סוצקעווער, שרייבט זעלטן שיינע לידער. דאָס איז בלי־ספק אַ טאַלאַנט, אַ קומענדיקער שטערן. מען מוז אים העלפן."

און גורלאַנד האָט דערציילט ווייטער אַז אברהם איז אין אונדזערע יאָרן, לערנט זיך (אָדער האָט זיך געלערנט) אין אַ תלמוד־תורה. ער לייענט אַ סך, אַרבעט אַ סך איבער זיך, דערגאַנצט ווי ווייט מעגלעך זיינע קענטעניש. אָבער מען מוז אים העלפן דערלערנען די אַלגעמיינע לימודים — מאַטעמאַטיק, געשיכטע, געאָגראַפיע און אַנדערע. מען מוז אים העלפן דערגאַנצן דאָס, וואָס אים איז ניט געגעבן געוואָרן.

שימקע האָט דאָס גענומען נאָענט צום האַרצן און גלייך צוגעטראָטן צו דער זאַך. ער פלעגט קומען צו אברהמען אין זיין וואוינונג אויף קליין




סוצקעווער (דער ערשטער, אונטן רעכטס) מיט אַ גרופּע פֿריינט (ווילנע, מערץ 1930)

שניפּעשיק און דאָרטן קנעלן מיט אים. שימקע האָט זייער געליבט אברהמס וויסנגיריקייט, זיין התמדה און זיינע דערגרייכונגען.

איך געדענק אַבראַשקען אַ דאַרן, שלאַנקן בחור, אַ שווייגער. ער פלעגט גערנער הערן, זיך צוהערן צו פרעמדע געדאַנקען, צו אַ חברס אַ מיינונג. זיינע טיפע, פאַרחלומטע אויגן פלעגן מערער זאָגן ווי זיין צונג. ער איז געווען אָן וואָנצעס (כ׳זאָג דאָס אַנטקעגן דעם וואָס אויף יעדן בילד זיינעם, וואָס איך טרעף איצטער אין ביכער און צייטשריפטן, זע איך זיינע געדיכטע וואָנצעס, וואָס קליידן אים, אגב, זייער). אברהם איז געווען אַן אַקטיווער „ביץ", זיך באַטייליקט אין די צוזאַמענ-קומענישן, עקסקורסיעס, זומער און ווינטער לאַגערן. אַלע האָבן געוווּסט אַז ער שרייבט לידער, אָבער ער פלעגט זיי זעלטן לייענען בקול-רם. עפּטער האָט ער זיי געלייענט אין אַן ענגן קרייז.

אברהם פלעגט זיך קיינמאָל ניט שיידן מיט זיין פאָטאָ-אַפּאַראַט. נאָך יעדער אינטערעסאַנטער אונטערנעמונג פלעגט ער צו דער קומענדיקער באַגעגעניש ברענגען אַ סך בילדער. אונדזער קליינע געצאָלט איז פאַר אים געווען אַ גרויסער אָנשפּאַר. אגב, ביי אונדזערע חברים ליבע און נחמן באַראַנטשיק (נאָך דער מלחמה האָבן זיי געלעבט אויף אוראַל, היינט שוין זכרונם לברכה) האָט זיך, מיט נסים, פאַרהיט אַן אַלבאָם מיט בילדער, דער עיקר פון אַבראַשקע סוצקעווערס האַנט.

ס׳וואָלט געווען אַ זינד ניט צו דערמאָנען אברהמס פאַרליבטע בליקן וועלכע ער האָט געוואָרפן אויף דער שיינער, זינגענדיקער און טאַנצנדיקער פריידקע לעוויטאַן. זי האָט איבערגעלאָזן ניט קיין איין צעבראָכן האַרץ און אויסגעקליבן אַבראַשקען, געוואָרן זיין לעבנס-באַגלייטערין.

*

אַן אויסטערלישע באַגעגעניש צווישן מיר און סוצקעווערן איז פאָרגעקומען באַלד נאָך דער מלחמה. דאָ בין איך אָבער געצוואונגען צו דערציילן עטוואָס וועגן זיך.

אין דער ערשטער העלפט פון די דרייסיקער יאָרן האָט די פוילישע מאַכט אָנגענומען אַ פּאָליטיק פון טאָטאַלער אַסימילאַציע פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. נאַטירלעך, אַז די יידן זיינען געווען דאָס ערשטע כפרה-הינדל. קודם-כל האָט מען געשלאָסן דעם יידישן לערער סעמינאַר. מיר, די סטודענטן, האָבן ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט פאָרצוזעצן אונדזער בילדונג. וועגן אַן אַרבעט האָט מען געקענט נאָר חלומען. זיינען מיר, שימקע און איך, אַוועק אין „גן-עדן", ווי די קאָמוניסטישע אַגיטאַטאָרן פלעגן פאָרשטעלן דעם ראַטנפאַרבאַנד. ווייטער איז איבעריק צו דערציילן: מיין מאַן שימקען האָט מען אין





צוויי פאָטאָס פון יונגן אברהם סוצקעווער אין ווילנע




סקויט=אָרגאַניזאַציע
„די בײַן“ אויף אַן
עקסקורסיע אין טראָק
(טראַקאַי), פרילינג 1930

פאָטאָ: אברהם סוצקעווער

1937טן יאָר דערשאָסן, מיך האָט מען פֿאַרשיקט אין די לאַגערן אויפֿן ווייטן צפֿון־מזרח, אויף קאָלימאַ.

מאַכט זיך אַזוי: כ׳געדענק שוין ניט ביי וועמען און ביי וועלכע אומשטענדן איז אין מיינע הענט אַריינגעפֿאַלן — אין לאַגער! — דאָס בוך „פֿון ווילנער געטאָ”, דער מחבר איז — א. סוצקעווער. איך בין באמת געווען אין אַ שאָק־צושטאַנד, איך האָב ווידעראַמאָל און נאָכאַמאָל זיך איבערצייגט: יאָ, דאָס איז טאַקע אברהם סוצקעווערס בוך! איך האָב דאָס בוך מיט גרויס ליבע און צערטלעכקייט, און ניט מיט ווייניקער שרעק צוגעדריקט צום האַרצן, כ׳האָב דאָס בוך אַרומגענומען, באַשיצט ווי אַ קינד. כ׳האָב מורא געהאַט אַז אונדזערע „היטער”, מיט די פֿרעכע און שאַרפֿע אויגן זייערע, זאָלן ניט באַמערקן אַז איך האַלט אַ ב ו ך, מען זאָל אים פֿון מיינע הענט ניט אַרויסרייסן.

צו מיין גרויס פֿרייד און גליק איז דאָס געווען סוף פֿרילינג אָדער אָנהייב זומער, ווען אויף קאָלימאַ שטייען די „ווייסע נעכט”, און דאָס האָט מיר געגעבן אַ מעגלעכקייט צו לייענען ביינאַכט, ווען איך בין געווען פֿריי פֿון דער שקלאַפֿן־אַרבעט. מיט ווייפּל נאָענטע און ליבע מענטשן איך האָב זיך דאָרטן באַגעגנט. מיט זיי צוזאַמען האָב איך איבערגעלעבט די שרעקלעכע, טראַגישע טעג אין ווילנער געטאָ. איך האָב זיך ווי אויפֿסניי באַגעגנט מיט מיינע לערער יעקב גערשטיין, ביבער, מרים בערנשטיין, מיטן העלדישן לערער פֿון די ווילנער יידישע שולן יאַנקל קאַפּלאַן און נאָך און נאָך . . .

*

אַ זייער רירנדיקע באַגעגעניש מיט אברהמען איז געווען ביי מיר אין ניו־יאָרק, אין דער רעדאַקציע פֿון דעם זשורנאַל „יידישע קולטור”. דער רעדאַקטאָר, איטשע גאָלדבערג, האָט מיר צוגעגרייט אַ זעלטענעם סורפּריז. ער האָט מיר געגעבן דאָס טעלעפֿאָן טרייבל, און איך האָב דערהערט אברהמס קול. איך האָב אים דערקענט, אָבער עס האָט מיר ווי אָפּגענומען דאָס לשון. איך האָב עפּעס געשטאַמלט, פֿריידיקע האָט געזאָגט אַז זי געדענקט מיך . . .